**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 7/3/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול שרייבט אונטער געזעץ צו פארמערן צוטריט צו סטעיט פארקס און שטיצן טוריסם**

***לעגיסלאציע S.5423/A.4853 פארבאט דאס געפאדערטע באנוץ פון קרעדיט קארטלעך אלס די מיטל צו באצאלן ביי סטעיט פארקס, פארוויילונגס איינריכטונגען און היסטארישע פלעצער***

***לעגיסלאציע S.9250/A.10333 ברייטערט אויס די אויסנאם פאר פערזענליכע שיפן פון די שיפן זיכערהייט פאדערונג***

***טייל פון גאווערנער האקול'ס זוממער קאמפיין צו העלפןק ינדער און פאמיליעס צו "גיין אפפליין, ארויסגיין אינדרויסן"***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אונטערגעשריבן א געזעץ צו פארמערן צוטריט צו סטעיט פארקס, פארוויילונגס איינריכטונגען און היסטארישע פלעצער, און צו שטיצן די טוריסם אינדוסטרי אין ניו יארק. S.5423/A.4853 וועט פארמערן צוטריט צו ניו יארק סטעיט אפיס פון פארקס, פארוויילונג און היסטארישע פלעצער דורך פארבאטן דאס געפאדערטע באנוץ פון קרעדיט קארטלעך אלס די מיטל צו באצאלן ביי די איינריכטונגען. גאווערנער האקול האט אויך אונטערגעשריבן S.9250/A.10333 צו אויסברייטערן די אויטאריזאציע פאר געוויסע אנפירער פון גע'ליעס'טע פערזענליכע שיפן צו זיין אויסגעשלאסן פון די שיפן זיכערהייט סערטיפיקאט, וואס וועט שטארקן די טוריסם ביזנעסער וועלכע ליעס'ען די שיפן פאר די וועלכע גייען אויף וואקאציע ביי ניו יארק'ס וואסערברעגן. די היינטיגע געזעץ אונטערשרייבונג איז געבויעט אויף גאווערנער האקול'ס "גייט אפפליין, גייט ארויס אינדרויסן" (Get Offline, Get Outside) זוממער קאמפיין צו שטיצן פיזישע און גייסטישע געזונטהייט דורכ'ן מוטיגן ניו יארק'ס קינדער און פאמיליעס אראפצולייגן זייערע פאונס און קאמפיוטערס, נעמען א פאזע פון סאושעל מידיע, און געניסן פון פארוויילונגס און דרויסנדיגע געזעלשאפט צוזאמקומען.

"אונזערע סטעיט פארקס זענען א וויכטיגע פירער אונטער אונזער סטעיט'ס עקאנאמיע, און מיין אדמיניסטראציע איז אנטשלאסן צו פארזיכערן אז יעדער האט צוטריט צו אונזער הערליכע ערטער און צו שטארקן די טוריסם אינדוסטרי," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "די שריט פון געזעצן וועלן פארזיכערן אז ניו יארקער און אונזערע באזוכער קענען זען און געניסן פון אלעס וואס ניו יארק האט צוצושטעלן."

אסאך ניו יארקער, אריינגערעכנט עלטערע מענטשן, מענטשן אן געלט אין די באנק, מינדעריעריגע, און אנדערע נוצן נאר קעש. כאטש קרעדיט קארטלעך זענען זייער באקוועם, האט נישט יעדער צוטריט דערצו. לעגיסלאציע S.5423/A.4853 נעמט אראפ די מעגליכע שטערונג, און פארזיכערט אייניגע צוטריט צו ניו יארק'ס סטעיט פארקס, היסטארישע פלעצער, און פארוויילונגס איינריכטונגען וואס מיר

אלע האלטן טייער. דורך נאך אננעמען קעש ביי די אלע סטעיט איינריכטונגען, וועט ניו יארק ווייטער שטיצן די איינשליסליכע הנאה פון אונזער סטעיט'ס אוצר'ן.

**סטעיט סענאטאר מאניקע ר. מארטינעז האט געזאגט,** "אונזערע פארקס און היסטארישע פלעצער זענען אפטמאל די הארץ פון קאמיוניטי פייערונגען און א געמינזאמע אינטערעס אין אונזער סטעיט'ס ערליכע סצענעס, חיות און היסטאריע. אלס ספאנסאר פון דעם געזעץ, גלייב איך אז עס איז א פארשטענדליכע מיטל צו פארזיכערן אז אלע איינוואוינער, ספעציעל די וועלכע נוצן מערסטנס קעש, האבן אייניגע צוטריט. קיינער זאל נישט זיין אפגעזאגט פון די געלעגנהייט צו געניסן פון די הערליכע פלעצער צוליב זייער וועג פון באצאלן."

**סטעיט סענאטאר דיען מוררעי האט געזאגט,** "ניו יארק איז אייגנטליך איינס פון די מערסטע פארשידנארטיגע און הערליכע פלעצער אין די וועלט מיט אזויפיל צו זען און אזויפיל צו טון, וואס איז די סיבה פארוואס מיר האבן אזא שטארקע טוריסם אינדוסטרי. יעדע זאך וואס באגרעניצט צוטריט צו אונזערע געוואלדיגע פארקס איז א שירט אין די פארקערטע ריכטונג. דאס איז די סיבה פארוואס איך בין שטאלץ צו מיט-ספאנסאר'ן סענאט ביל S.5423, וואס פארבאט דאס פאדערונג אז נאר קרעדיט קארטלעך זאלן קענען געניצט ווערן ביי סטעיט פארקס. איך דאנק גאווערנער האקול און די ספאנסאר, פאר'ן פאראויס רוקן דעם ביל און עס אונטערשרייבן אין געזעץ."

**סטעיט סענאטאר מאריא ר. מאטערא האט געזאגט,** "יעדע ניו יארקער איינוואוינער און באזוכער זאל קענען נוצן סטעיט פארוויילונגס איינריכטונגען וויפיל זיי ווילן אפגעזען פון וויאזוי זיי באצאלן. סיי וועלכע פאדערונגען וואס גייען קעגן דעם זענען נישט גלייכבארעכטיגט פאר די וועלכע ווילן נישט אדער קענען נישט נוצן קרעדיט קארטלעך און די געזעץ וועט פארזיכערן אז עס זענען נישט דא קיין אפהאלטונגען פאר קיינעם. דאס וועט פארזיכערן אייניגע צוטריט פאר אלע."

**סטעיט אסעמבלי דעפיוטי ספיקער פיל ראמאוס האט געזאגט,** "איך בין שטאלץ ווייטער גיין צו טרעפן וועגן צו אראפברענגען די דיגיטאלע צוטיילונג און צו פארזיכערן אז יעדער האט אייניגע צוטריט צו די פילע געלעגנהייטן וואס ניו יארק האט פארצושלאגן. אראפנעמען באגרעניצונגען אזוויי קרעדיט קארטל פאדערונגען אין ניו יארק סטעיט פארקס וועט צושטעלן מערערע אויסוואלן פאר אלע ניו יארקער, וואס וועט פארזיכערן אז מער פאמיליעס קענען געניסן פון אונזער געוואלדיגע צילן אן קיין שטערונגען. איך דאנק די גאווערנער פאר איר ווייטערדיגע מיטארבעט מיט'ן פארזיכערן אז מיר טרעפן נאך וועגן צו שטארקן אונזער לעבהאפטיגע טוריסם אינדוסטרי."

לעגיסלאציע S.9250/A.10333 ברייטערט אויס די אויסנאם פאר געוויסע אנפירער פון פערזענליכע שיפן פון די שיפן זיכערהייט פאדערונג. אויסברייטערן די אויסנאם האלט אפ שעדליכע ווירקונגען אויף די טוריסם אינדוסטרי וועלכע ליעס'ען די שיפן פאר די וועלכע גייען אויף וואקאציע אין גילטיגע וואסערבערע געגנטער אין ניו יארק.

**סטעיט סענאטאר דזשאוס מ. סעראנא האט געזאגט,** "ניו יארק איז דאס היים פאר הערליכע ליעקס, ברעגן, און ים ברעגן וועלכע ציען טוריסם פון איבער די גאנצע לאנד. די טוריסם שטעלט צו ארבעט געלעגנהייטן און איז א וויכטיגע עקאנאמישע אויפטרייבער פאר לאקאלע קאמיוניטיס. איך בין צופרידן צו שטיצן לאקאלע טוריסם מיט די וויכטיגע לעגיסלאציע און דאנק גאווערנער האקול פאר איר ווייטערדיגע שטיצע פון טוריסם איבער די גאנצע סטעיט."

**אסעמבלימיטגליד בילי דזשאונס האט געזאגט,** "ערלויבן מענטשן צו דינגען פערזענליכע שיפן איז נישט בלויז וויכטיג פאר די ביזנעסער וועלכע ליעס'ען זיי, נאר אויך פאר די טוריסם. דורך אויסברייטערן די געזעץ, וועלן מער מענטשן קענען געניסן פון די דרויסנדיגע לופט מיט זייער פאמיליע און פריינט

אינעם צייט וואס זיי געניסן פון ניו יארק'ס הערליכע סצענעס. דאס איז זיכער גאר גוטע נייעס פאר אלעמען אינעם צייט וואס מיר קומען אן צו די האלידעי וויקענד, וואס איז באקאנט אלס גוטע צייטן אויפ'ן וואסער."

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן